These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

Call no: B. (NS)Cr76

Title: Das idele in heder ...

כותר: דאס אידעלע אין חדר ...

Imprint: [Europe ; s.n., 18--?]

Collation: 1 broadside ; 17 x 25 cm.

הערות: סוג הגליון: שיר. תחילת השיר: תורהלע האט דיר גאטט גיגעבען.

Subject: Yiddish poetry.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

# דאס אידעלע אין חדר

I

א תורהליע האט דיר גאטט גיגעבען
דאס טאטעלע דיין
לערנען זאללסטו אונד דאס גלויבען
אידעלע דוא מיין
א חדריל ציון האסטו אויך פארמאגט
ניט גיפאלגט האסטו דיין רבין משה
וואס ער האט דיר גיזאגט

געגוג דיר שיין צו שטיפען אונד בטל ארום געהן
זעה וויא מען האסט דיך
אז יעדער האט דיר פיינט
פאלג דיין רבין וועסטו שפעטער זעהן
אז כבוד וועסטו האבען אונד אויך גוטע פריינד
צום חדר אידעלע זאללסטו זיך קערין
לערען די תורה דיין טאטינס גישענק
דער שבת קומט מען דארף דיר פארהערען
לערן מיט חשק אידעלע גידענק, גידענק

2

דיין חדר האסטו אויך פארלארין
גישטיפט האסטו אויך דארט
פאר ברענט פאר וויסט איז דאס גיווארין
חרב איז דאס ארט
מיט פייערדיקע, קאנשיקעס האט מען דיך פאריאגט
ווייל דוא האסט ניט גיפאלגט דיין רבין משה
וואס ער האט דיר געזאגט

גענוג דיר שוין צו שטיפען אונד בטל ארום געהן
זעה וויא מען האסט דיר
אז יעדער האט דיר פיינט
פאלג דיין רבין וועסטו שפעטער זעהן
אז כבוד וועסטו האבען אונד אויך גוטע פריינד
צום חדר אידעלע זאללסטו זיך קערין
לערין די תורה דיין טאטינס גישענק
דער שבת קומט מע דארף דיר פאר הערין
לערן מיט חשק אידעלע גידיינק, גידיינק

3

פון שפאניא האט מען דיר געטריבען
געשלאגען אויך גינוג
עלענד בינסטו דאן געבליבען
שוואך אזוי וויא א פליג
געבראטען גיברענט דיר ביז צום טויט גענאגט
ווייל דוא האסט ניט גיפאלגט דיין רבין משה
וואס ער האט דיר גיזאגט

גענוג דיר שוין צו שטיפען אונד בטל ארום נעהן
זעה וויא מען האסט דיר
אז יעדער האט דיר פיינט
פאלג דיין רביז וועסטו שפעטער זעהן
אז כבוד וועסטו האבען אונד אויך גוטע פריינד
צום חדר אידעלע זאללסטו זיך קערין
לערין די תורה דיין טאטינט גיישענק
דער שבת קומט מע דארף דיר פאר הערין
לערן מיט חשק אידעלע גידענק, גידענק

4

דער שבת איז שוין אן גיקומען
די זיסע בילדונג נאי
פרעמיע האט יעדעס קינד בעקומען
אונד דוא בינסט גאר ניט דא
פאר לערנען ארדענם זעה וויא יעדער טראגט
פאלג זשע אויך דיין רבין משה
וואס ער האט דיר גיזאגט

גענוג דיר שטיפען אונד בטל ארום געהן
זעה וויא מען האסט דיר
אז יעהער האט דיר פיינט
פאלג דיין רבין וועסטו שפעטער זעהן
כבוד וועסטו האבען אונד אויך גוטע פרייגד
צום חדר זאללסטו זיך אידעלע קעהרין
אונד לערנען תורה דיין טאטינס גישענק
שבת איז שוין מע דארף דיך פאר הערין
נוא לערן מיט חשק אידעלע גידענק, גידענק

(NS) Cr 76